א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

בני אמונים

תשע"ט · פרשת מצורע · 274

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### זאגן תהלים איז אזוי ווי 'תורת המצורע'

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע" (יד ב)

טייטש **רבי יהודה לייבוש רויזנבוים פון קראקא**:

דא אין דעם פסוק האט די תורה מרמז געווען די בקשה פון דוד המלך עליו השלום, אז דער שכר פון דער וואס זאגט תהלים זאל זיין אזוי ווי דער שכר פון דער וואס לערנט די שווערע סוגיות פון נגעים ואהלות (מדרש תהלים א), און אזוי קען מען טייטשן דעם פסוק: "זֹאת" - איז ראשי תיבות: 'זכות אמירת תהלים', "תִּהְיֶה" וועט ווערן גערעכנט ווי לערנען: "תּוֹרַת הַמְּצֹרָע" - וואס אין דעם איז אריינגערעכנט די הלכות פון נגעים ואהלות.

'ימי חייך הימים'

### 'סם חיים' פון תפילה

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע" (יד ב)

אין מדרש אין אונזער פרשה (ויק"ר טז ב) ווערט געברענגט די באקאנטע מעשה מיטן פעדלער וואס האט פארגעשלאגן פאר אלע דורכגייער זיי זאלן קויפן ביי אים 'סם חיים'. ווען רבי ינאי האט געהערט פון דעם, האט ער געוואלט קויפן, האט דער פעדלער ארויסגענומען א תהילים און אים געוויזן אויף די פסוקים (לד יג-יד): "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים; נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע...". ווען רבי ינאי האט געהערט פון דעם איז ער זייער איבערגענומען געווארן פון די קלוגשאפט פונעם פעדלער און האט אויסגערופן: "ביז יעצט האב איך נישט פארשטאנען די באדייט פון דער פסוק, ביז דער פעדלער איז געקומען!".

אסאך וואונדערן זיך: דער פעדלער האט דאך גארנישט צוגעלייגט מער פון די פשוטע טייטש אין פסוק, איז פארוואס איז רבי ינאי אזוי באגייסטערט געווארן?

א וואונדערליכער תירוץ אויף דעם האט געזאגט **רבי צבי הירש פערבער** פון די לאנדאנער רבנים:

רבי ינאי איז איבערגענומען געווארן פון די ווערטער פונעם פעדלער וואס האט אנגערופן די זהירות פון לשון הרע מיטן נאמען 'סם חיים', ד.מ.: אויסער די צוזאג וואס עס שטייט קלאר אין פסוק אז דער וואס געבט אכטונג אויף זיין מויל איז זוכה צו אריכות ימים, איז ער אויך זוכה אז ער באקומט אין מויל א 'סם חיים' וואס דורך דעם קען ער אויפלעבן אנדערע ווען ער דאוונט אויף זיי. און אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק (במדבר ל ג) "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"; ווער עס געבט אכטונג אויף זיין מויל נישט צו רעדן דיבורים אסורים, איז זוכה אז אלעס וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל ווען ער דאווענט, ווערט אנגענומען אין הימל.

'כרם הצבי'

### תשובה טוט אויף אויך אין א 'עת רצון'

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן; וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ" (יד ב-ג)

טייטש **רבי שלמה קלוגער**:

בדרך הטבע איז נישטא קיין רפואה אויף די נגע פון קרעץ, ווייל עס קומט דאך צוליב זינד, און וועגן דעם ווערט עס נישט אויסגעהיילט נאר דורך איינס פון די צוויי וועגן: א. אויב דער מצורע וועט תשובה טון און חרטה האבן אויף זיינע עבירות. ב. ווען עס ווערט א עת רצון אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו מט ח): "בְּעֵת רָצוֹן עֲנִיתִיךָ". די עת רצון ווערט ווען פון הימל טוט מען גוט'ס מיט די צדיקים, אזוי ווי חז"ל זאגן (ב"ר נג ח): "בשעה שנפקדה אמנו שרה, הרבה עקרות נפקדו עמה".

עס איז אנדערשט די באציאונג אין הימל צו א רפואה וואס קומט דורך תפילה אדער א רפואה וואס קומט צוליב א עת רצון, און לויט דעם פירט מען צו פון הימל די באגעגעניש פון דער מצורע מיטן כהן: אויב ווערט ער אויסגעהיילט "בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" - אין א טאג וואס איז א עת רצון, דעמאלטס: "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן", אבער אויב: "נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת" דורך זיין תפילה - "מִן הַצָּרוּעַ"; דעמאלטס: "וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה" - גייט ארויס דער כהן אקעגן אים.

'אמרי שפר'

### צוויי זייטן צו די ישועה

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן; וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ" (יד ב-ג)

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### די טויערן פון אמן ווערן געעפענט ווען דער מצורע ווערט טהור

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע..." (יד ב)

אין זוהר הקדוש (יתרו פ א, וכעי"ז באונקלוס כאן) ווערט געטייטש דיווארט 'מצורע' - 'סגירא'. בדרך רמז קען מען פון דעם זיך לערנען אז די עבירה פון לשון הרע ברענגט צו עס זאל זיך פארמאכן די טויערן פון שפע וואס ווערן געעפענט אין זכות פון ענטפערן אמן אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין זוהר פרשת וילך (רפה ב).

און מ'קען צולייגן אויף דעם א רמז: די ראשי תיבות פון די דריי שותפים אין די זינד פון לשון הרע: 'אומר', 'נֶאֱמָר' [אויף וועמען מ'רעדט] און 'מקבל', זענען: 'אמן'. אזוי אויך, דער מצורע ווערט ריין דורך ברענגען ציפורים און א אזוב, וואס זייער ראשי תיבות איז: צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', ווייל ווען ער ווערט ריין, ווערן צוריק געעפענט די טויערן פון 'אמן' וואס זענען ביז יעצט פארשפארט געווען פאר אים.

'פרפראות לחכמה'; 'מגן אברהם' [פונעם טריסקער מגיד]

זאגט דער **בעלזער רב האדמו"ר רבי ישכר דב**:

א צדיק וואס האט זוכה געווען אז זיין תפילה אויף א קראנקן איז אנגענומען געווארן, זאל ער זיך נישט גרויס האלטן אז זיין תפילה האט אויפגעטון, נאר ער דארף עס אנהענגען אין די זכותים פונעם קראנקן. פון די צווייטע זייט, דער קראנקער טאר אויך נישט אנהענגען זיין רפואה אין זיינע זכותים, נאר ער דארף עס אנהענגען אין די זכות פון די תפילה פונעם צדיק.

א רמז אויף דעם קען מען אפלערנען אין אונזער פסוק: "זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע [דער קראנקער] בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" - ווען ער ווערט אויסגעהיילט פון זיין קראנקהייט, "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן" - זאל ער אנהענגען זיין רפואה אין זכות פונעם צדיק. און פון די צווייטע זייט: "וְרָאָה הַכֹּהֵן" - אויך דער צדיק ווען ער זעהט: "וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת", זאל ער עס נישט אנהענגען אין זיין זכות, נאר "מִן הַצָּרוּעַ" - אין די זכותים פונעם קראנקן.

'אדמור"י בעלז' ח"ג עמ' שא

### דער 'גוטער' שטראף פאר די צדיקים

"כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם" (יד לד)

"בשורה היא להם שהנגעים באים עליהם. לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר, ועל ידי הנגע נותץ הבית ומוצאן" (רש"י, ע"פ ויק"ר יז ו).

לכאורה: וויאזוי קען מען זאגן אויף די נגעים וואס קומען ווי א שטראף אויף עבירות (ראה ויק"ר יז ב) אז זיי זענען א 'בשורה טובה'?

ענטפערט דער קראקער רב **רבי יוסף נחמיה קארניצער**:

ביי די זמר "כל מקדש שביעי" וואס מ'זינגט פרייטאג-צונאכט'ס בעהטן מיר: "משוך חסדך ליודעיך א-ל קנא ונקם". טייטש דער 'בעל שם טוב' די שייכות פון חסד צו נקמה, ווייל די ערליכע אידן דארף מען נישט שטראפן אויף זייערע זינד, נאר די עצם זאך וואס דער אויבישטער פירט זיך מיט זיי מיט חסד און רחמים אויך ווען זיי האבן געזינדיגט, נעמט זיי ארום אזא גרויסע בושה, אז דאס אליינ'ס ווערט גערעכנט פאר זיי ווי א שטראף, אזוי ווי עס שטייט אין משלי (כה כא-כב): "אִם רָעֵב שֹׂנַאֲךָ הַאֲכִלֵהוּ לָחֶם...; כִּי גֶחָלִים אַתָּה חֹתֶה עַל רֹאשׁוֹ". וועגן דעם בעהטן מיר: "משוך חסדך ליודעיך" - פאר די צדיקים, כאטש זיי האבן געזינדיגט, ווייל דורך דעם וועסטו זיין פאר זיי: "א-ל קנא ונוקם".

אזוי איז אויך דער שטראף וואס ווערט דערמאנט אין די פרשה פון 'נגעי בתים'. ווייל זיי זענען צדיקים, שטראפט זיי דער אויבישטער דורך דעם וואס ער טוט מיט זיי גוט'ס און ער ברענגט צו זיי זאלן טרעפן די באהעלטענישן אין זייערע הייזער. דער חסד ברענגט זיי צו צו בושה - און דאס איז זייער שטראף.

'ילקוט הגרשוני' שבת פז א; 'חידושי רבנו יוסף נחמיה'

## דער מנהג איז פארשפרייט געווארן אזוי ווי דער בית יוסף האט זיך געפירט



אין די פארברייטונגען צום יארצייט פון מרן ה'בית יוסף' וואס געפאלט אום י"ג ניסן ווערט דא געברענגט די ווערטער פונעם חיד"א וואס הענגט אן דער מנהג פון זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא אין מרן ה'בית יוסף':

"דער בית יוסף שרייבט: עס זענען דא וואס פירן זיך אז נאך וואס איינער האט געזאגט די ברכות השחר און מ'האט געענטפערט נאך אים אמן, איינער פון די וואס האבן פריער געענטפערט אמן זאגט איבער די ברכות, און מ'ענטפערט נאך אים אמן, און לויט די סיסטעם טוהן אזוי די אלע וואס האבן פריער געענטפערט אמן... און ווי עס איז באקאנט איז דער מנהג פארשפרייט געווארן אין די גרויסע שטעט אזוי ווי דער בית יוסף זאגט"

'ברכי יוסף' או"ח סי' תרעז

ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - ברכת 'בונה ירושלים' (ד')

### קשים מזונותיו של אדם

"קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" - אזוי זאגן חז"ל (פסחים קיח א). און טאקע אזוי, אויב מיר וועלן אריינטראכטן וועלן מיר זעהן אז אנדערשט פון אנדערע בעלי חיים וואס שטענדיג האבן זיי זייער שפייז אן קיין פלאג און זארג, דווקא דער מענטש, דער מבחר הבריאה, דארף זיך פלאגן און זארגן כדי ער זאל האבן זיין פרנסה, וואס דאס ברענגט אים צו ער זאל שטענדיג זיך געפונען אין א דרוק.

עס זעהט אויס אז נישט אומזינסט איז דער מענטש אזוי באשאפן געווארן, נאר כדי אז זיינע אויגן זאלן שטענדיג זיין געוואנדן צום באשעפער מיט א תפילה ער זאל אים געבן שפייז, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (נדה ע ב): "מה יעשה אדם ויתעשר?... יבקש רחמים ממי שהעושר שלו".

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין די קשר צווישן די שפייז צו קריעת ים סוף: אזוי ווי ביי קריעת ים סוף האט די דרוק וואס די אידן האבן זיך געפונען שטייענדיג ביים בארטן פון ים סוף, אן צו קענען טון עפעס אליין אדער האפן צו א ישועה פון א בשר ודם זיי צוגעברענגט זיי זאלן אויפהייבן זייער אויגן מיט א תפילה צו זייער פאטער אין הימל און אזוי זענען זיי געהאלפן געווארן, אזוי אויך ביי די ענין פון פרנסה, די דרוק פון פרנסה וואס שוועבט העכער די קאפ פון א מענטש, איז כדי דער מענטש זאל זיך שטענדיג ווענדן צו השי"ת ער זאל אים שפייזן, און דורך דעם עפענען פאר אים די אוצרות פון שפע.

נישט אומזינסט האט מען מתקן געווען די בקשה מיט אזא לשון פון געבעהט: "אלוקינו! אבינו!..." - מיר האבן נישט קיין אנדערער העלפער אויסער דיר!, דעריבער בעהטן מיר: "פרנסנו וכלכלנו..." (הגש"פ 'תפארת שמשון').

אויף דעם וועג ערקלערט הרה"ק רבי איציקל ווארקער זצ"ל די בקשה אין דער פארזעצונג פון די ברכה: "ונא אל תצריכנו ה' א' לא לידי מתנת בשר ודם...כי אם לידך ...":

פון איין זייט בעהטן מיר אז מיר זאלן נישט דארפן צוקומען צו א מתנת בשר ודם, און פון די אנדערע זייט בעהטן מיר אז מיר זאלן נישט זיין אזוי רייך אז מיר וועלן מיינען אז מיר דארפן נישט חלילה צוקומען צום הילף פונעם באשעפער, "כי אם לידך" - מיר זאלן בלייבן 'נויטבאדערפטיגע', אבער "לא לידי מתנת בשר ודם". און אזוי ווי צדיקים האבן ערקלערט די קללה פונעם נחש, השי"ת האט אים געשאלטן אז די זאמד זאל זיין שפייז, און אזוי וועט ער אין יעדע פלאץ האבן זיין שפייז, און ער וועט שוין נישט דארפן בעהטן פון השי"ת זיין עסן, און דורך דעם וועט ער נישט זיין נאנט צו השי"ת ('שיח שרפי קודש' ח"ה אות נט).

### א בקשה וואס דאס 'לעבן' איז אין דעם אנגעהאנגען

דער מקור פון די בקשה טרעפן מיר אין די תפילה פון רבי ינאי וואס ווערט דערמאנט אין ירושלמי (ברכות ד ב), ווי ער בעהט: "ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם, ואל תמסור מזונותינו בידי בשר ודם שמתנתם מעוטה וחרפתם מרובה...".

און אזוי ווערט אויך געברענגט אין 'תנא דבי אליהו' (זוטא טו): "אמר אבא אליהו זכור לטוב וזכור לברכה: מעיד אני עלי שמים וארץ, אז יעדער תלמיד חכם וואס לערנט לשם שמים, און עסט פון אייגנס, האט הנאה פון אייגנס, און האט גארנישט הנאה פונעם ציבור, אויף אים זאגט דער פסוק (תהילים קכח ב): "יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ".

אמאל האט איינער געמוטשעט דעם 'אמרי אמת' פון גור ער זאל נעמען פון אים א מתנה. דער 'אמרי אמת' האט אבער נישט געוואלט, אבער דער מענטש האט פראבירט זיך בעהטן אז עס גייט אים אין לעבן דער רבי זאל נעמען פון אים די מתנה. אבער דער רבי האט אים געענטפערט: אויך מיר גייט אין לעבן איך זאל נישט נעמען די מתנה פון דיר, ווייל עס שטייט (משלי טו כז, וראה מגילה כח א): "וְשׂוֹנֵא מַתָּנֹת יִחְיֶה" ('ליקוטי יהודה' על ברכהמ"ז).

### וויאזוי האבן די תלמידי חכמים הנאה פון אנדערע?

אסאך פרעגן: מיר זעהן דאך אז די השגחה העליונה האט אזוי צוגעפירט אז תלמידי חכמים זאלן דארפן צוקומען צו אנדערע, אזוי ווי זבולון וואס האט געשטיצט זיין ברודער יששכר וואס האט געלערנט תורה?

די וועלט דערציילט א מעשה וואס איז געווען ביים רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוש:

איינמאל האט זיין טאכטער באמערקט ווי איר פאטער זאגט איבער עטליכע מאל מיט א געוויין די ווערטער: "ונא אל תצריכנו... כי אם לידך". ווען ער האט געענדיגט בענטשן האט זי אים געפרעגט: "פארוואס בעהסטו אויף דעם, דו האסט דאך נישט קיין אנדערע זאך פון וואו צו פארדינען, נאר פון די 'פדיונות' וואס מ'געבט דיר?

האט דער רבי ר' ברוכ'ל געזאגט: ריכטיג טאקע אז איך לעב פון וואס אנדערע מענטשן געבן מיר, אבער עס זענען דא דריי מדריגות אין די וואס געבן פון זייער פארמעגן פארן צדיק: עס זענען דא וואס געבן עס ווי א מתנה פון זיי פארן צדיק, אויף זיי בעהט איך: "לא לידי מתנת בשר ודם". עס זענען דא וואס געבן עס ווי א 'הלוואה', ווען זיי ווייסן אז דורך דעם וועלן זיי צוריק זוכה זיין צו שפע בכפל כפליים, אויך אויף זיי בעהט איך: "ולא לידי הלואתם". אבער עס זענען דא וואס געבן ווייל זיי טון איינערקענען אז זיי זענען נאר ווי 'שליחים' אריבער פירן די געלט וואס געהערט פאר השי"ת צו די הענט פונעם צדיק. אזא מתנה וויל איך און אויף דעם דאוון איך: "כי אם לידך..." ('בוצינא דנהורא' ערך 'צדיק' אות כא).

און אזוי האט געזאגט רבי אברהם חיים פון זלאטשוב:

אויך ווער עס דארף צוקומען צו א צווייטן, זאל נישט טראכטן אז ער באקומט זיין פרנסה פון זיי, נאר ער זאל פארשטיין אז דער אויבערשטער געבט אים דורך א שליח - און 'הרבה שלוחים למקום' און אויב ער וועט נישט באקומען פון דער מענטש וועט ער באקומען פון א אנדערן. אויב וועט ער דאס אריינעמען אין זיך וועט ער פארדינען אז ער וועט נישט דארפן חנפ'ענען דעם וואס געבט אים, און זיך אויך נישט אפהאלטן פון אים מוסר צו זאגן ווען עס פעלט אויס. [פון דעסוועגן פטר'ט עס נישט פון זיך צו באדאנקען פאר דער וואס געבט אים (זעה אין 'חובות הלבבות', פתיחה לשער עבודת האלוקים)] ('אורח לחיים' מטות).

### הנאה האבן פון א מתנה לשם שמים

דער גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד, דער רב פון ירושלים, איז געווען באקאנט מיט זיין שטארקע הקפדה נישט הנאה האבן פון א צווייטן, אויסער איינמאל האט ער אנדערשט געטון. איינמאל פארן חתונה מאכן איינער פון זיינע זון, און איינער האט אראפגעלייגט אויף זיין טיש א קאנווערט און אין דעם גרויסע סומע געלט אויף די חתונה הוצאות. רבי יוסף חיים איז געווען ביי זיך זיכער אז די געלט האט אים זיין רבי, דער מהרי"ל דיסקין, געשיקט, און וועגן האט ער מסכים געווען עס צו נעמען ווען ער פארלאזט זיך אויף די מאמר הגמרא: "הרוצה ליהנות - יהנה כאלישע".

אויך אלישע האט זייער מקפיד געווען נישט הנאה האבן פון א בשר ודם, און אויך געשאלטן זיין באדינער גחזי ווען ער האט גענומען די מתנות פון נעמן דער שר צבא ארם, אבער פון די שונמית האט ער יא מסכים געווען נעמען, ווייל ער האט געוואוסט אז איר גאנצע כוונה איז נאר לשם שמים, און וועגן דעם האט הגרי"ח אויך גענומען פון זיין רבי, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין כוונה איז אינגאנצן לשם שמים ('הגש"פ מגדולי ירושלים').

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א טשעק וואס האט זיך פארטוישט און א אמן וואס איז פארשפעטיגט געווארן

די פאלגנדע ערציילונג האט אונז אריינגעשיקט הרה"ג רבי הלל דוד ליטוואק שליט"א א גרויסער תלמיד חכם פון פלעטבוש וואס איז אין ניו יארק, וואס האט פארפאסט עטליכע ספרים אויף אסאך פארשידענע ענינים. הרב ליטוואק איז שוין יארן לאנג מחזק זיין אין יעדע געלעגנהייט די מצוה פון ענטפערן אמן, אירע הלכות און אירע סגולות אין יעדע פלאץ וואו ער קומט אן.

די מעשה וואס ווערט דא געברענגט פאר אייך האט ער אויפגעשריבן פאר א גדענקעניש אנהייב זיין ספר 'חובת עניית אמן'. דאס איז א מעשה וואס מ'זעהט אין דעם א וואונדערליכע השגחה פרטית, און א שטארקע חיזוק איבער די מצוה פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין.

די ערציילונג האט זיך אנגעהויבן שבת קודש פרשת משפטים תשנ"ח. רבי הלל האט יענע שבת געדאווענט אין א געוויסע שול אין בארא פארק וואס איינמאל א יאר האט ער דארט געדאווענט צוליב א 'שבת מגבית' פאר א וויכטיגע צדקה ארגאניזאציע וואס ער נעמט א טייל אין איר עס אויפהאלטן.

טראץ וואס רבי הלל איז דארט געווען א גאסט, און האט אויך גדארפט זעהן אז די מתפללים זאלן וועלן שטיצן די צדקה צוועק איבער וואס ער איז געקומען, פון דעסוועגן האט ער זיך נישט צוריק געהאלטן פון זיך אפגעבן און מחזק זיין זיינע ארומיגע אין די טעמע וואס איז אים אזוי נאנט צום הארץ - ענטפערן 'אמן' אזוי ווי עס דארף צו זיין. אינמיטן די הויכע שמונה עשרה האט ער באמערקט ווי איינער פון די מתפללים ענטפערט יעדע מאל אמן בעפאר דער חזן האט געענדיגט די ברכה, איז ער נאכן דאווענען צוגעגאנגען און אים מעורר געווען אז מ'טאר אזוי נישט טון; "ענטפערן אמן בעפאר דער ש"ץ ענדיגט אינגאנצן די ברכה, ווערט אנגערופן א 'אמן חטופה' וואס איז אסור אזוי ענטפערן", האט רבי הלל ערקלערט פאר יענעם מענטש. אבער פאר יענעם איז שווער געווען מודה זיין אין זיין טעות, "איין סקונדע ארויף צי איין סקונדע אראפ האט נישט קיין באדייט..." - האט ער גע'טענה'עט, און ווען רבי הלל האט פראבירט זיך דינגען מיט אים האט יענער געפאדערט ער זאל אים ווייזן א מקור אויף דעם.

די געבעהט איז אינגאנצן נישט קאמפלעצירט געווען פאר רבי הלל; אלץ איינער וואס טוט אין די טעמע אזויפיל יארן, זענען די הלכות פון ענטפערן אמן געווען גוט אויסגעשטעלט אין זיין מוח, און איבערהויפט די גרינגע הלכה. ער איז באלד צוגעגאנגען צו די ספרים-שאפע און אויפגעזוכט א 'משנה ברורה'. אבער צו זיין גרויסן וואונדער האט ער נישט געטראפן די באנד וואס ער האט געדארפט.

רבי הלל איז צוריק צו יענעם מענטש און אים ערקלערט, אז ער האט טאקע נישט געטראפן דעם באנד וואס ער האט געזוכט, אבער אויב ער וויל קען ער אליין נאכקוקן אין 'משנה ברורה' אין סימן קכד סעיף-קטן ל' און גרינערהייט וועט ער טרעפן די הלכה. ער האט זיך אויך אינטערעסירט אויפן נאמען פון יענעם מענטש, און אים געזאגט אז ער וועט אים נאכשיקן א קאפי פון דער בלאט אין משנה ברורה ווי דארט ווערט דערמאנט די אויבנדערמאנטע הלכה.

די וועג וויאזוי יענער איד האט אנגענומען זיין באמערקונג, אזוי שווער, האט צוגעברענגט אז אין הארץ פון הרב ליטוואק האט זיך אנגעהויבן ערוועקן צווייפלונגען; אפשר האט ער נישט געדארפט אויפמערקן פאר יענעם מענטש, ער איז דארט נאר געווען א גאסט.

א וואך איז אריבער פון דעמאלטס. ערב שבת קודש פרשת תרומה איז אנגעקומען א קאנווערט אין די פאסט-קעסטל פון פאמיליע ליטוואק, די קאנווערט האט ענהאלטן אין זיך א איינגעקנייטשטע צעטל מיט א טשעק. אין בריוו איז געשטאנען אז צוליב א געוויסע פראבלעם וואס איז אין די טשעק האט די באנק עס געמוזט צוריק שיקן. א קורצע בליק אינעם טשעק איז גענוג געווען פאר הרב ליטוואק זיך איבערצייגן אז עס איז געשעהן א טעות אינעם שיקן, און עס האנדלט זיך אינגאנצן נישט מיט זיין טשעק. ער האט זיך פארבינדן צו די באנק און זיך אינטערעסירט אויף די טשעק, אבער זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, און זיי האבן אים געזאגט ער זאל אריינקומען אין באנק וואו דארט וועט מען זעהן וואס די פראבלעם איז.

עטליכע שעה'ן נאכדעם איז אלעס קלאר געווארן, ווען דער טעלעפאן אין די הויז פון פאמיליע ליטוואק האט געקלינגען און פון די אנדערע זייט האט זיך פארגעשטעלט א איד א בארא פארקער איינוואוינער וואס האט דערציילט אז אויך צו אים איז אנגעקומען א קאנווערט דאס זעלבע וואס איז אנגעקומען צו פאמיליע ליטוואק, אבער אין די בריוו איז געווען די טשעק וואס האט געהערט פאר פאמיליע ליטוואק. עס זעהט אויס אז דער באאמטער אין באנק האט פארטוישט די טשעק'ס; די טשעק פון פאמיליע ליטוואק האט ער געלייגט אין זייער בריוו, און זייער טשעק האט ער געלייגט אין די קאנווערט וואס איז געשיקט געווארן צו פאמיליע ליטוואק.

הרב ליטוואק האט זיך באדאנקט פאר דער וואס האט גערופן. ער האט אים געפרעגט נאך זיין נאמען און זיין אדרעס, און האט אפגעשמועסט מיט אים אז נאך שבת וועט ער זיך טרעפן מיט אים כדי צו טוישן די טשעק'ן.

עטליכע שעה נאכדעם, נאנט צו כניסת שבת, איז די געשיכטע נאכאמאל ארויפגעקומען אין די הארץ פון הרב ליטוואק, ער האט איבערגעזאגט די פאמיליע נאמען פון דער וואס האט בטעות באקומען זיין שטעק... דער נאמען איז אים געווען באקאנט, און עס האט אים גענומען עטליכע מינוט זיך דערמאנען פון וואו.

עס זעהט אויס אז דער איז נישט קיין צווייטער פון דעם וואס ער האט באגעגנט א וואך פריער אין שול און אים מעורר געווען אויף דעם וואס ער ענטפערט א 'אמן חטופה'. די פאמיליע נאמען איז נישט געווען אזא באקאנטע, און אויך די אדרעס וואס ער האט באקומען איז געווען גאנץ נאנט צו די שול וואו ער האט געדאווענט. ער האט נישט געהאט קיין צווייפל אז עס רעדט זיך פון דער מענטש.

הרב ליטוואק האט אין דעם געזעהן א וואונדערליכע השגחה פרטית, ווי כאילו מ'ווייזט אים פון הימל אז ער האט גוט געטון ווען ער האט יענעם מענטש מעורר געווען אויף דעם וואס ער האט געענטפערט א 'אמן חטופה', און ער דארף ווייטער זעהן וואס ער קען טון צו מחזק זיין די ענין פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין.

באלד אום מוצאי שבת האט הרב ליטוואק זיך פארבינדן מיט יענעם און זיך אינטערעסירט אויב ער איז טאקע דער מענטש וואס א וואך צוריק האט ער אים מעורר געווען אויף ענטפערן א 'אמן חטופה'. דער מענטש האט עס באשטעטיגט מיט שטוינונג, און די צוויי האבן אפגעשמועסט זיך צו טרעפן כדי צו טוישן די טשעק'ן.

יעצט איז הרב ליטוואק אנגעקומען צו דער הויז פון יענעם מענטש ווען ער האט אין זיין האנט א 'משנה ברורה' חלק א', און ווען ער האט זיך געטראפן מיט אים האט ער אים פארגעליינט פון אינעווייניג:

אויף די ווערטער פונעם מחבר אין שולחן ערוך (קכד ח) אויף די איסור פון 'אמן חטופה' - "שלא יחטוף וימהר לענות אותו קודם שיסיים המברך", שרייבט דער 'משנה ברורה' (ס"ק ל): "רצה לומר: שימתין עד שיסיים הש"ץ כל התיבה אחרונה לגמרי. ויש אנשים שמתחילין לענות בעוד שהש"ץ עומד עדיין בחצי תיבה אחרונה וזה אסור".

'חובת עניית אמן' אין די הקדמה

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע